בס״ד | פרשת בחקותי תשפ״ד | גליון א

# דער האיחוד

יו״ל ע״י
איחוד
חסידי
מונקאטש

כִּי תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ עֲטֶרֶת פָּז

## יומא דהילולא

### שבת המיוחס בצלא דמהימנותא

שב״ק פרשת במדבר
ב׳ סיון תשפ״ד

פ״ז שנה להסתלקות רבינו הק׳ זי״ע

**״לא תתפרש מינך״ ווערסטו זעהן אז ״ואל נפרוש ממך״**

**מדקדק זיין אין א מנהג**

**לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ**
מאמר א

**סעודת הילולא ב׳ סיון במשך די יארן**

# ובאו כולם בברית יחד בצלא דמהימנותא לכבוד "שבת המיוחס" - שבת ב' סיון

תלמידים וחסידים וועלן בעה"י אנהאלטן און מחזק זיין ביתר שאת די החלטה וואס איז נקבע געווארן ביים ערשטן יומא דהילולא:

## אם יהיה רק באפשרות יופיע ליומא דהילולא... וליקח חבל במועצות כינוס התלמידים

אנ"ש מכל רחבי נוא יארק וסביבותיה וועלן די "שבת הילולא" אפרעכטן אינאיינעם בצלא דמהימנותא פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## וועד האש"ל ארבעט אהערצושטעלן פאסיגע אכסניות פאר די פילע געסט, אלע סעודות שבת קודש ווערן צוגעשטעלט כיד המלך לכל באי חצרות קדשינו

צענטראלע נומער פון וועד העסקנים אויף הרשמה איז: 347.962.8172

יעדע חסיד, וואס זיין מונקאטשער הארץ קלאפט, ערוועקט זיך שוין מיט ווארימע געפילן אויף דעם הילולא קדישא, וואס פאלט אויס ביום שבת קודש פרשת במדבר הבעל"ט. אט שטייט מען שוין אין די "שלושים יום" פון די יומא דהילולא פון רבינו הקדוש - רבן של ישראל, מרן בעל מנחת אלעזר זי"ע ועכ"י.

ב' סיון איז יאר-נאך-יאר א זמן קהלה לכל. חסידים זענען זיך דערין מתאסף און מתאחד כאיש אחד בלב אחד, צו פארשטארקן און באפעסטיגען דעם ענדלאזן התקשרות צום בעל ההילולא, דער הייליגער רב זי"ע. מען טוט מעלה זיין זכרונו הקדוש און משנן זיין תורתו קדושתו וצדקתו, מיט וואס דער צדיק הדורות האט באלאכטן די גאנצע וועלט, אלס דער רבן של כל בני הגולה. און גלייכצייטיג וויל מען איבערגעבן פאר די ווייטערדיגע דורות זיין הייליגע ירושה וואס ער האט איבער געלאזט פאר זיינע תלמידים און חסידים עד ביאת הגואל.

היי-יאר, ווען די יומא דהילולא פאלט ווידער אויס ביומא דשבתא, וועט דאס בעה"י ווי אין די פריערדיגע יארן פארוואנדלט ווערן אין א גאר ספעציעלע מאורע. חסידים און תלמידים, ידידים און מעריצים, פון נאנט און ווייט, וועלן זיך צוזאמנעמען אפרעכטן דעם "שבת הילולא", במקהלות עם רב, בצלו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

"כשיומא דהילולא של צדיק חל בשבת קודש" - לייענען מיר אין א מכתב קודש פון רבינו שליט"א לאנ"ש בארץ הקודש - "הוא במעלה גדולה ורבה מבימות החול - ווען די נשמה פון א צדיק קומט אראפ אויף די וועלט ביומא דהילולא דיליה וואס פאלט אויס ביום שבת קודש, אינעם 'יומא דנשמתא', איז דאס נישט קיין צופעליג צו א וואכענדיגע יומא דהילולא.

"וניכר הדבר, הן בתפילות, והן בסעודות וסדר הזמירות" - דאס איז א מציאות וואס דערקענט זיך מיט די פליישיגע אויגען ביי יעדן איינעם. דאס איז נישט נאר א זאך וואס מיר גלייבן בתורת אמונת צדיקים ובדבריהם הקדושים, נאר ווי רבינו שליט"א דרוקט זיך דארט אויס בלשון קדשו, איז דאס "מורגש בלב כל אחד".

אט דאס קען טאקע באשטעטיגט ווערן ביי יעדן חסיד וואס האט מיטגעהאלטן א "שבת הילולא" אין די פריערדיגע יארן. עס ליגט נאך ביי אלעמען פריש די גוטע זכרונות, די זעלטענעם דערהויבנקייט, די תפלות און טישן במשכ'ן שבת קודש - געפראוועט במקהלות המוני חסידים, מיט פילצאליגע געסט פון איבעראל, חשוב'ע רבנים ומרביצי תורה, בעלי בתים און נגידים חשובים, אנשי שם ואישי ציבור, זקנים עם נערים. וואס דער צד השוה שבהן איז, אז זיי זענען זיך מתחמם לאורו הגדול פונעם בעל ההילולא זי"ע און זענען דבוק ומקושר באילנא דחיי קדישא.

"יום שבתון אין לשכוח, זכרו כריח הניחוח"!

## חבורת עסקנים איינגעשפאנט אויפצונעמען די מאסן געסט לפי כבודם הראוי

אינערהאלב אונזער הייליגע קהלה, גייען אן העפטיגע גראנדיעזע פארברייטונגען צו דעם גרויסארטיגען "שבת המיוחס" המתקרבת ובאה עלינו לטובה.

די בארימטע עוסקים בצרכי ציבור באמונה בקרב קהלתינו הקדושה פארנעמען זיך שוין מיט די עבודה רבה, צו קענען פאסיג אויפנעמען די מאסן געסט וואס ווערן ערווארטעט לעשות את השבת בחצרות קדשינו, ווי זיי וועלן ברוב עם הדרת מלך, מיטהאלטן אי"ה דעם געהויבענעם "שבת הילולא" בצלא דמהימנותא, אין דעם הייליגען בית המדרש הנקראת על שמו הקדוש פונעם בעל ההילולא, ווי בכל עת ובכל רגע, שפירט זיך דערינען דעם השראת הקודש פון אונזער הייליגער רבי', דער מנחת אלעזר זי"ע.

די עסקנים וועלן זיך בעה"י אפגעבן מיט מסדר זיין אכסניות פאר יעדן איינעם לפי רום מעלתו. די סעודות שבת ווערן צוגעשטעלט לכל הקהל הקודש המסתופפים בצלא דמהימנותא, כיד המלך, אויפן שענסטן פארנעם. ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג.

כדי צו קענען פארזיכערן, אז יעדער איינער ווערט אויפגענומען לפי כבודו, און אז מען זאל איהם קענען צושטעלן צום בעסטן באקוועמליכקייט, בעטן די געטרייע עסקנים אז מען זאל זיך איינשרייבן וואס פריער. מען קען רופן אויפן נומער: 347.962.8172

גלייכצייטיג ווענדט מען זיך צו יעדן איינעם פון אנ"ש וואס איז ווילי]ג און גרייט ארויסצוהעלפן מיט די פארצווייגטע ארבעט, זאל זיך פארבינדן מיט די געטרייע עסקנים.

לקראת שבת לכו ונלכה, כי היא מקור הברכה. דעם שבת קודש ב' סיון וועט אי"ה דינען אלס קוואל פון התרוממות הנפש און השפעות טובות, א זמן וואס יעדער מונקאטשער חסיד וועט בס"ד זוכה זיין צו שעפן מבאר מים חיים, מלוא חפנים. זכות רבינו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל זרעינו, ועל כל בית ישראל.

# ״לא תפרש מינ

# זעהן אז ״ואל נפרוש

די משנה זאגט סוף ששה סדרי משנה: אמר רבי יהושע בן לוי, עתיד הקדוש ברוך להנחיל לכל צדיק וצדיק ש״י עולמות, שנאמר להנחיל אהבי יש ואוצרותיהם אמלא. זאגט דער ברטנורא, ״ואוצרותיהם אמלא - בעולם הזה״. דאס איז אן הבטחה פאר יעדן צדיק, אז דא אויף דעם עולם התחתון וועלן זיי אויך האבן א פארמעגען.

רבינו שליט״א האט זיך אויף דעם געשטעלט און געוואונדערט (ביי די ב׳ סיון ״תורה״, מיט איין און זעכציג יאר צוריק): אויב די משנה זאגט ביי ״כל צדיק וצדיק״ אז ״ואוצרותיהם אמלא - בעולם הזה״, ברויך מען דאך זיך א קוק טוהן און זוכן, ווי זענען אט די פארמעגענס בעולם הזה? לאמיר זעהן, וואס פארמאגען זיי אויף די וועלט?

עס איז דאך ידוע פאר יעדן חסיד אז רבינו בעל מנחת אלעזר זי״ע האט נישט איבערגעלאזט קיין עשירות אויף די וועלט. נאר אדרבה, ער איז נסתלק געווארן פון די וועלט איבערלאזנדיג גאר אסאך חובות. אין די הייליגע צוואה, איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע זיך מתנצל פאר מחברתו הטהורה הרבנית הצדיקת ז״ל הי״ד און זיין בת-יחידה הרבנית הצדיקת חיה פרימא רבקה ז״ל ״כי לא הנחלתי לכם בית ועושר״. דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע רעדט זיך אויס און זאגט צו זיין באליבט קינד: איך בעט דיר מחילה! ווייל אלע טאטעס לאזן איבער עפעס א ירושה פאר די קינדער, אבער איך האב נישט קיין פרוטה אחת איבער צולאזען. און נאך מער פון דעם, איך בין ל״ע א גרויסע בעל חוב, און איך האב נאך א דאגה איך זאל נישט פארלאזן די וועלט בבחינת ״לוה ואינו משלם״.

עד כדי כך, אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע האט זיך געזארגט פארצולייגען א פלאן וואס צו טוהן כדי מען זאל קענען באצאלן די אלע חובות. ער עצה׳ט אין די צוואה הקדושה, מ׳זאל פארקויפן א חלק פונעם ״הויף״ - דעם חלק וואס מ׳האט נישט געניצט פאר דברים שבקדושה, און דאס געלט זאל זיין מוקדש צו באצאלן חובות. טאמער וועט עס נישט זיין גענוג ח״ו, זאל מען פארקויפן תשמישי קדושה פון תלמידי הבעל-שם-טוב זי״ע וואס ער האט פארמאגט, און נאך טייערע חפצים. [למעשה ווייסט מען, אז עס איז קיינמאל נישט געקומען דערצו. ביי די לויה האט מען צוריסן די וועקסלען און מ׳האט אלעס מוחל געווען. אבער ער אליינס האט זיך אויף דעם נישט גערעכנט.]

אויב אזוי, פרעגט זיך די קשיא, ווי איז מקויים געווארן דעם ״ואוצרותיהם אמלא״? אויב מיינט ״ואוצרותיהם אמלא״ אויף די וועלט, דעמאלטס ווי זענען די אוצרות? ווי איז זייער פארמעגען?

די תירוץ איז, אז די אוצרות פון צדיקים זענען אוצרות פון תורה און יראת שמים. ממון איז כל העולם מודים, האט זיך ביי זיי בכלל נישט גערעכנט. געלט אוצרות האט ביי זיי קיין ווערד געהאט. די עיקר איז, באלייכטן די תורה, מפיץ זיין חסידות מיט יראת שמים. דאס פארמאגען זיי, און דאס איז זייער כח.

יעדער חסיד און תלמיד פון גרויס ביז קליין דארף ביי זיך האבן באהאלטן כאטש א חלק פון אט דעם אוצר. יעדער איינער לויט זיין מהות און דרגא, לויט זיין עבודה און השגה. איינער דארף האלטן די קדושה פונעם בעל הילולא, ביי איינעם טהרה, ביי איינעם א דבר תורה, ביי א צווייטן א שיחת חולין, ביים דריטן די מנהגים.

די אוצרות פון תורה וואס דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע האט איבערגעלאזט, און די מסורה וואס ער האט איבערגעגעבן מדור דור, דארף ביי יעדן זיין אפגעהיטן לויט זיין ידיעה און חכמה. איינער אנטהאלט

# ן" וועסטו
# ש ממך"



אין זיך די חידושים ופלפולי אורייתא. איינער קאכט זיך אין די הייליגע טיפע חסידי'שע תורות אין שער יששכר. אן אנדערער דערקוויקט זיך מיט די הייליגע אותיות פון "דברי תורה". יעדער קען געניסן און זיך איינהאנדלן פון די פילע אוצרות - עד אין סוף.

אזוי אויך פון די גרויסע עבודה פונעם בעל ההילולא. ביי איינעם ליגט דימאנטן, ביי א צווייטן א שטיק גאלד אדער זילבער. יעדער וואס האט די זכיה אנצורירן די קלאמקע פון מונקאטש, קען ביי איהם בלייבן א חלק פון די אוצר.

עס איז ידוע, אז אין יומא דהילולא קומט דער צדיק אראפ אויף דעם עולם. ער רייסט זיך אראפ פונעם תענוג עולם הרוחני, ער גייט אוועק פונעם גן עדן און קומט זעהן איינמאל א יאר זיין פארמעגען. אין דעם "שבת ב' סיון" גייט דער בעל ההילולא זי"ע קומען מאכן א סך הכל וואס ער פארמאגט אויף די וועלט. ווי אזוי האלט זיך אויף זיינע אוצרות. וואס איז געבליבן פון די קינדער, די תלמידים, וואס איז געבליבן פון אנשי שלומו, וואס איז געבליבן פון די חסידים. וואס פאר א התקשרות זיי פארמאגען, מיט וואס האבן זיי א שייכות. צו האלטן זיי ביי זיך די פארמעגען, צו זיי זענען נישט חלילה מחריב די פארמעגען וואס ער האט איבערגעלאזט. צו מ'גיט אבאאכט טאקע אויף די טייערע אוצר.

אין דעם טאג פונעם יומא דהילולא, אין דעם טאג וואס דער מליץ יושר וואס מיר האבן בשמי מרומא עילאה, קומט אראפ דא צוזאמען צווישן זיינע חסידים, איז די איינציגע כח וואס מיר פארמאגען אין דעם טאג איז אוודאי די התקשרות וואס מיר האבן מיט דעם בעל הילולא אויף די וועלט. אז מיר זענען שומרים פון זיינע אוצרות. מיר זענען פארנומען מיט איהם און מיט זיין פארמעגען, מיט א פאראייניגטע התקשרות און דביקות באמת.

קען זיין אז א גאנץ יאר איז מען מסיח דעת, מען האלט נישט קיין קאפ דערויף. מען פארגעסט, מען איז פארנומען. אבער ביומא דהילולא וואס דעמאלטס קומט אראפ די הייליגע נשמה זיך מתאסף זיין, און נעמט א טייל אין די התוועדות, דארף מען זעהן מ'זאל זיך אונטערנעמען עס זאל ווייטער יא זיין די ריכטיגע התקשרות, מען זאל אפהיטן די פארמעגען. ביומא דהילולא, ווען ער קומט זעהן ווי אזוי עס זעהט אויס דעם "ואוצרותיהם אמלא - בעולם הזה", דארף מען קענען ווייזן אז מיר היטן זיין פארמעגען, און ביי שטייערן דערצו.

מיר וועלן זיך מוסר נפש עס זאל בלייבן זיין פארמעגען. מיר וועלן זיך קאכן אין זיי. מיר וועלן זיי פארשפרייטן. מיר וועלן ערציען קינדער און דורות וואס וועלן עוסק זיין דערין און דאס ווייטער היטן. מיר וועלן זיך נאך שטערקער מתקשר זיין - בקשר על גבי קשר - מיט די הייליגע המשכה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו טרינקן מיט דארשט זיין תורה, צוקוקן זיין עבודה, און זיך דערפון אפלערנען. דאס איז דאך זיין פארמעגען, דאס איז זיין פילע אוצר, ובו נדבק.

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע בעט אין זיין צוואה, אז אין דעם יומא דהילולא זאל מען איהם אינזינען האבן. דערפאר, וועט ער פון זיין זייט זיכער אויך אונז אינזינען האבן. העלפן, און צושטיין די וואס ווילן איהם מיטהעלפן. וואס פאר א ברכה מיר זאלן נאר ברויכן, וועט מען זיך אלעס אויסבעטן אין דעם טאג. אויך ביי אונז זאל זיין "ואוצרותיהם אמלא" - בני חיי ומזוני. דרכו פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע איז דאך געווען צו זאגען דעם נוסח פאר "הקפות" אין שמחת תורה "לא תתפרש מינן" - וועסטו זעהן אז - "ואל נפרוש ממך". ווער עס היט און פארשטארקט זיין פארמעגען, דעם וועט ער משפיע זיין כל טוב.

# מדקדק זיין אין א מנהג

## מנהג פון זאגען תחנון

עס איז דא וואס פירן זיך, נישט צו זאגן קיין "תחנון" זיבן טעג נאך "פסח שני". זייער מיינונג איז באזירט אויף דעם וואס שטייט אין זוהר (ח"ג קנב, ב) אז אין פסח שני און זיבן טעג דערנאך, זענען די הימלישע טויערן אפען, און פון דאן און ווייטער פארשלוסט מען צוריק די טויערן. און וויבאלד די טויערן זענען אפען איז דאך דאן אן עת רצון, וואס דערפאר דארף מען נישט זאגן קיין תחנון.

## מנהג טעות

רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע שרייבט אז דאס איז א "מנהג טעות". און דאס וואס מען צייכנט צו דעם זוהר, איז אינגאנצן נישט פארשטאנדיג. ערשטנס, פון ווי זאל זיך נעמען צו זאגן, אז ווייל די טעג זענען ימי רצון און די טויערן זענען אפען, זאל מען נישט זאגן קיין תחנון. וואס פאר א פארבינדונג איז דא צווישן זאגן תחנון צו אפענע טויערן און ימי רצון? פארקערט, ווייל די הימלישע טויערן זענען אפן, זאל מען טאקע יא זאגען תחנון. און רבינו זי"ע ברענגט אז הגה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט געזאגט, אז עס איז נישט דא קיין גרעסערע צייט וואס די טויערן זענען אפן מער ווי יום הקדוש ביי "נעילה", און פונדעסטוועגן זאגט מען תחנון א גאנצן טאג.

און נאכמער, אז מען טוט גוט ארייננקוקן אין זוהר, זעהט מען אז די טויערן זענען אפען אלע דרייסיג טעג פון נאך פסח ראשון, ביז זיבן טעג נאך פסח שני, און נישט נאר אין יענע זיבן טאג. אויב אזוי, איז לויט זייערע רייד, זאל מען דעם גאנצן חודש נישט זאגן תחנון, און נישט נאר פון פסח שני?!

## א גרויסע לימוד

דא לאמיר זיך אפשטעלן און באמערקן זייער אן אינטערעסאנטע זאך.

דאס פארדאמונג איבערן "מנהג טעות" פון נישט זאגען קיין תחנון אין די וואך נאך פסח שני, טוט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע איבער'חזר'ן אין זיינע ספרים פיל מאל (זעה שער יששכר מאמר פסחא זעירא אות א-ב, נימוקי אורח חיים סימן קלא סק"ז, מאמר נוסח התפלה אות לב, דברי תורה מהדורא ג אות מו, און נאך).

פארוואס האט רבינו זי"ע דאס אזויפיל מאל איבערגע'חזר'ט? אויפן ערשטן געדאנק קומט ארויף, ווייל צו אויסלאזן תחנון א גאנצע וואך - האט ווי געטוהן פארן הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, און דערפאר האט ער אזוי' פארפירט אויף דעם "מנהג טעות".

אבער חסידים האבן געוויסט צו פארצייכענען צו דעם אן אינטערסאנטען חשבון. אפילו לויט אונזער מנהג - זאגט מען נישט קיין תחנון רוב פון די זיבן טעג, אויף דעם פאלגענדען חשבון:

- די וואך הייבט זיך אן מיט "פסח שני" וואס די פוסקים (עיין שיירי כנסת הגדולה סימן קלא ועוד) פסק'ענען שוין נישט צו זאגן תחנון.

- צומארגענס - ט"ו אייר שטייט דערמאנט אין פוסקים, און אזוי איז אויך אין כתבי האריז"ל, נישט צו זאגן תחנון.

- נאך דריי טעג גייען ארייין אינעם חשבון פון נישט-זאגן תחנון, זיי זענען: ל"ג בעומר [רמ"א סימן תצג סעיף ב], און איין טאג פאר דעם און איין טאג נאכדעם [זעה דברי תורה מהדורא ג אות מו, אז אין די דאזיגע צוויי טעג איז דא אן הארה פונקט ווי אין ל"ג בעומר אליינס].

האבן מיר שוין פינף טאג פון די זיבן וואס מען זאגט נישט קיין תחנון. און אויב געפאלט אויס שבת אין איינע פון די צוויי אנדערע טעג, וועט אויסקומען אז זעקס פון די זיבן טעג זאגט מען נישט קיין תחנון.

קומט אויס אז די גאנצע רעדע איז נישט נוגע למעשה נאר איבער איין אדער צוויי טעג!

זעהן מיר פון דעם, אז נישט אויף די צאל טעג ווייטאגט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, נאר אויף אן איינפירונג פון א פארגרייזטער מנהג און זיך נישט רעכענען מיט זאגן תחנון.

דאס איז א געוואלדיגע לימוד!

## געווארט און געהאפט...

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אהרן הכהן ראטהמאנן ע"ה:

אמאל אין א פסח שני, פארנאכטס, זענען חסידים געזיצן אין בית המדרש און געווארט אז דער הייליגער רב, רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, זאל ארייננקומען צו דאווענען מנחה. דער עולם איז געזיצן און געווארט, אבער דער מנחת אלעזר זיצט אין א זייטיגען שטוב, און קומט נישט ארויס. אינצווישן האט שוין געטוהן פאלן די נאכט, אבער דער רב קומט נישט. דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט, ווייל זיי האבן נישט געדענקט עס זאל אמאל האבן פאסירט אזא זאך.

פלוצלונג איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע ארייינגעקומען אין בית המדרש אינגאנצן פארקאכט מיט א פייער, זיינע אויגען זענען שטארק פארוויינט, א שווערע זיפעצט הערט זיך ארויס פון זיין הייליג הארץ, און טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגען. און מיט א קול פון געוויין האט ער זיך אנגערופן:

- איך האב געווארט און געהאפט... אפשר וועלן מיר נאך זוכה זיין צו ביאת המשיח... אפשר וועלן מיר נאך היינט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח...

בס״ד

# יהי ביתך פתוח לרוחה

און צוזאמהאנג מיט׳ן ״שבת הילולא״ הבעל״ט
גרייטן מיר זיך צו אנטפאנגען

# חשוב׳ע געסט שיחיו

ובכן ווענדן מיר זיך צו אנ״ש תושבי
עירינו הי״ו איבערהויפט די וואס
וואוינען בשכינות בית מדרשינו

## ווער עס איז וויליג אריינצונעמען געסט אויף שבת קודש פרשת במדבר זאל זיך מעלדן אויף

## 347.962.8172

כי תקדמנו ברכות טוב תשית לראשו עטרת פז

יומא דהילולא
שבת המיוחס
בצלא דמהימנותא
ב׳ סיון
תשפ״ד

פ״ז שנה להסתלקות רבינו הק׳ זי״ע

## חיים ושלום
על התורה

# לְאוֹרוֹ נִסַע וְנֵלֵךְ

### די הייליגע ספרים פונעם בעל ההילולא



**אין** דאס טאקע געווען די לעצטע שבת וואס דער רב גייט זאגען 'תורה' ביים טיש? האבן חסידים אין מונקאטש זיך געשושקעט צווישן זיך, ממחרת השבת, זונטאג פרשת וישב תרצ"ו. אבער, האט אן אנדערער חסיד פרובירט זיך צו טרייסטן, דאס איז זיכער, אז אין די קומענדיגע צוויי שבתים, שבת פרשת ויגש און שבת פרשת מקץ, וועט דער רב יא זאגען 'תורה'.

וואס איז געשעהן? וואס גייט דא פאר? וואס האט געברענגט אז דער הייליגער רב, וועלכער האט פון אייביג אן אנגעהאלטן דעם מנהג אבותיו מדור דור צו זאגען 'תורה' ביי יעדע סעודה, זאל אצינד אויפהערן זאגען תורה? און אויב גייט ער טאקע אזוי טוהן, מיט וואס איז אנדערש די פריערדערמאנטע צוויי שבתים?

## דער פארלוירענער אוצר

עס איז פרשת וישלח, שנת תרצ"ו, ערב שבת קודש אינדערפרי. רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע גייט צום שענקל ווי עס ליגען זיינע הייליגע כתבי ידות, כדי צו נעמען פון דארט זיין חיבור "חיים ושלום" על התורה, צו לערנען דערין, אזוי ווי עס איז זיין געווענליכע שטייגער יעדן פרייטאג. דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע קוקט דא און זוכט דארט, אבער ער טרעפט עס נישט

די נאנטע שטוב-מענטשן קוקן צי ווי דער הייליגער רב זי"ע זוכט זיין כתב יד "חיים ושלום", זיי האבן געהאפט אז זיי וועלן כאטש צייטנסווייז קענען באהאלטן פון איהם די גאנצע געשעהניש, אבער אצינד זעהן זיי איין, אז זיי וועלן דעם רב זי"ע מוזן אלעס דערציילן. עס איז זיי אנגעקומען גאר שווער צו איבערגעבן פארן הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אז עס איז דערווייל פארלוירן געגאנגען מיט אנדערע טייערע זאכן פון זיין הייליגען אוצר.

## וואס איז געשעהן?

אין די פארלאפענע פיר שבתים: וירא, חיי שרה, תולדות און ויצא, איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע נישט געווען אינדערהיים אין מונקאטש. אזוי ווי רבינו זי"ע האט שוין פון אנהויב יענעם יאר געליטן פון א שווערע און שטארקע הוס, וואס האט זיך נישט געטוהן בעסערן, האט ער געמוזט אפרייזן צו אן ארט מיט ריינע לופט, נעבן די בארטן פון ים. דעריבער האט רבינו זי"ע געוויילט אויף פיר גאנצע וואכן אין דעם שטעטל אבאציא אינעם לאנד איטאליע.

דאס אוועקפארן פון שטאט, ביים אנהויב פון א נייעם יאר, איז פאר רבינו זי"ע נישט געווען פון די גרינגסטע זאכן. עס איז פאר אלעמען באקאנט, ווי ביי רבינו זי"ע איז זיין גאנצע חיות געווען, דאס זיצן לערנען מיט די בחורי הישיבה. זיין גרעסטע תענוג עולם הזה איז געווען, דאס פארלערנען דעם שיעור עיון אין סוגיות הש"ס, פאר זיינע תלמידים וואס זענען ביי איהם געווען באליבט ווי קינדער. אבער אצינד, צוליב וואס ער האט געליטן אויף זיין געזונט, האט רבינו זי"ע געמוזט איבערלאזן די תלמידי הישיבה ביים אנהויב פון א פרישן ווינטער זמן.

נאכן אפלויף פון פיר גאנצע וואכן, האט דערגרייכט קיין מונקאטש די פריידיגע בשורה, אז די געזונט צושטאנד פון הייליגען מנחת אלעזר זי"ע האט זיך שוין פארבעסערט, און אז ער גייט זיך אומקערן אהיים. באזונדער איז געווען גרויס די שמחה ביי די בחורי הישיבה, אז רבינו זי"ע גייט ווי זיין שטייגער אנהויבן פארלערנען זיינע שיעורים תמידין כסדרן.

אבער צום אלעמענס באדויער, איז אט די שמחה נישט געווען בשלימות. ווייל ווען רבינו זי"ע איז אנגעקומען אהיים צו זיין הייליגען הויז, און די שטוב-מענטשן האט געעפענט אלע זיינע געפעק און זעק, איז זייערע הערצער צובראכן געווארן אויף שטיק שטיקער, באמערקענדיג ווי איין רענצל פעלט. די רענצל וואס אנטהאלט אין זיך די כתבי יד קודש פונעם ספר "חיים ושלום" על התורה און דעם "מאמר אדון כל" אויפן זמר א-ל אדון, ווי אויך צוויי זילבערנע ירושה לייכטערס פון הייליגען דרכי תשובה זי"ע און א ירושה חומש פון הייליגען


ז"ה לשון רבינו המחבר על השער בפנקס כתב יד קדשו:

בעה"י

זה השער לה' צדיקים יבאו בו

ספר

חיים ושלום

על התורה

אשר חנני ה' בזכות אבותי הקדושים, אראלים ותרשישים, הן אני שפל אנשים, חדל אישים,

חיים אלעזר שפירא

די לשון פונעם שער בלאט וואס רבינו זי"ע האט געשריבן אינעם פנקס כתב יד קודש פונעם "חיים ושלום"

שם שלמה זי"ע.

מיט איילעניש איז מען געלאפן צום באן סטאנציאן, וואס פון דארט האט מען אייגעמאלדן אויף אלע זייטן, אז עס פעלט א רענצעל. אבער עס איז נישט צוריקגעקומען קיין שום ידיעה אז מען האט עפעס געטראפן. רבינו זי"ע האט נאך דערווייל נישט געוויסט פון דעם גרויסן פארלוסט, נאר מען האט איהם דערציילט אז עס פארלוירן געווארן א רענצל מיט חפצים און כלים וואס מען האט גענוצט אויפן וועג.

אבער ווען עס איז געקומען פרייטאג אינדערפרי, און דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט ווי זיין שטייגער געוואלט לערנען אינעם כתב יד פון זיין ספר "חיים ושלום", האט מען איהם שוין געמוזט אלעס אנטפלעקן. ווי ווייטאגליך איז געווען צו זעהן, ווי זיין הייליגע צורה האט זיך ממש פארענדערט, זיין געזוכט איז געווארן פארטונקלט פון גרויס צער, אז עס איז פארלוירן געגאנגען זיין הייליגען חיבור וואס זיין גאנץ לעבהאפט ליגט דערין. דעם גאנצן ערב שבת קודש איז רבינו זי"ע געווען איינגעהילט אין א גרויסן קלעם.

## בא שבת בא מנוחה

ווען די רביצין, הרבנית הצדיקת רחל פערל הי"ד, טאכטער פון הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא זי"ע, האט געזעהן ווי גרויס עס איז די צער פון איר הייליגען מאן – רבינו זי"ע, האט זי צוגעזאגט מיט א זיכערקייט פאר רבינו זי"ע, אז נאך היינט – פרייטאג, פאר מען טרעט אריין אינעם שבת קודש, וועט נאך קומען עפעס א ידיעה איבער די אבידה.

נישט לאנג פאר כניסת השבת, איז טאקע אנגעקומען א טעלעפאון רוף פון בודאפעסט, אז מען האט דארט געטראפן א רענצל, און דאס איז זיכער די חפצים פון רבינו זי"ע.

ווען רבינו זי"ע האט געזעהן, ווי די רייד פון די רביצין ז"ל איז אזוי גענוי פארווירקליכט געווארן, האט ער זיך אנגערופן: עס איז א וואונדער, אז אלע אייניקלעך פון הגה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע האבן באקומען א מתנה פון השם יתברך – השגת רוח הקודש!

פארשטייט זיך, אז אט די בשורה וואס איז געהערט געווארן דורכ'ן טעלעפאון, איז שוין געווען גענוג צו בארואיגען דעם הייליגען מנחת אלעזר זי"ע. אזוי ארום האט ער געקענט מקבל שבת זיין מתוך שמחה. און דער שבת יום מנוחה איז דורכדעם אפגעראכטן געווארן מיט דערהויבנקייט, אן קיין צער און דאגה.

אבער ווי נאר שבת איז אדורך, האט זיך ארויסגעשטעלט אז די ידיעה וואס איז אנגעקומען פאר שבת קודש, האט מען נאר פון הימל צוגעשיקט כדי אז בהיכלו של צדיק זאל חלילה נישט זיין קיין פארשטערטע שבת קודש. ווייל מוצאי שבת קודש איז אנגעקומען א פרישע טעלעפאון רוף פון בודאפעסט, אז די ידיעה פון ערב שבת איז געווען אן



די ספרים שטוב בבית רבותינו הקדושים זי"ע אין מונקאטש, בימיו פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע

איינפאכער טעות! ווייל די רענצל וואס ליגט ביי זיי, געהערט צו א צווייטן. עס איז געווענליך אנטרינען די האפענונג אז די רענצל פון רבינו זי"ע זאל נאך געפונען ווערן. די צער איז יעצט גאר געווען נאך גרעסער ווי ביים אנהויב. אויף אזוי ווייט אז פון גרויס עגמת נפש און הארץ ווייטאג האט רבינו זי"ע זיך ניטאמאל געקענט לייגן אויפדערנאכט.

## "אמר השטן..."

זונטאג פרשת וישב, ווען עס איז ווייטער נישט געקומען קיין שום נייעס איבער טרעפן די אבידה, האט רבינו זי"ע אין א שמועס דערוועגן פארציילט:

אמאל האט זיין קרוב, הגה"צ המקובל רבי פינחס חיים טויב זצ"ל אב"ד ראזלא, געפרעגט דעם הייליגען דרכי תשובה זי"ע אויף די רש"י אנהויב פרשה "ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רגזו של יוסף" - יעקב אבינו האט געוואלט זיצן מיט רואגיקייט, איז איהם אנטקעגען געקומען די מעשה פון מכירת יוסף. "אמר הקדוש ברוך הוא" - האט דער אויבערשטער געזאגט, "לא די להן לצדיקים שמקבלים שכר לעולם הבא, רוצים גם העולם הזה" - איז דען נישט גענוג פאר צדיקים אז זיי באקומען שכר אויף יענע וועלט, אז זיי ווילן אויך באקומען אויף די וועלט. דאס זענען די ווערטער פון רש"י. ווידער אין מדרש שטייט דעם זעלבן לשון, נאר דארט שטייט נישט "אמר הקדוש ברוך הוא" נאר "אמר השטן" - דער שטן האט געזאגט! וואס דאס איז דאך א גרויסע סתירה. נאך האט דער ראזלער רב געפרעגט, ממילא פון הקדוש ברוך הוא מוזן מיר אננעמען, אבער וואס פאר א שייכות האט דער שטן מיט אונז?

דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע, האט געזוכט דערויף א תירוץ אין ספרים, אבער ער האט נישט געטראפן. שפעטער האט איהם דער ראזלער רב געזאגט אן אייגענער פשט. לויט ווי עס איז באקאנט פון ספרים, אז ווען הקדוש ברוך הוא וויל ח"ו טוהן עפעס שלעכטס פאר א צדיק, דאן טוט זיך דער אויבערשטער באהאלטן פון איהם, עס ווערט אן 'הסתר פנים', און ממילא האט דער שטן רשות צו טוהן מיטן צדיק לויט זיין ווילן. דאס זאגט רש"י מיט זיין הייליגען לשון, אז ווייל עס איז געווען "אמר הקדוש ברוך הוא" און עס איז דא אן הסתר פנים פון הקדוש ברוך הוא צום צדיק, ממילא איז שפעטער ווי די לשון פונעם מדרש "אמר השטן", אז דער שטן טוט מיטן צדיק לויט זיין ווילן.

דערויף האט רבינו זי"ע אויסגעפירט מיט אט דעם לשון:

רבונו של עולם! עס איז פאר דיר אנטפלעקט אלע מיינע מחשבות, און דו ווייסט וואס מיין כוונה איז מיט די אלע דברי תורה וואס זענען פארשריבן אין דעם ספר. אפילו מלאכי השרת האבן נישט אין דעם קיין אהנונג, נאר דו באשעפער אליינס! און יעצט וועט דאס אלעס אריינפאלן אין די הענט פונעם שטן?!

אזוי ווייטער האט זיך רבינו זי"ע אויסגערעדט פון הארץ, וויינענדיג מיט גרויס ביטערקייט. זיין צער און ווייטאג איז געווען אומדערטרעגליך. ער האט איבערן טאג גארנישט געקענט אריינעמען אין מויל, און אויך ביינאכט האט ער

# חיבור אויפן רמב"ן על התורה

פונעם ספר הקדוש "חיים ושלום" (פרשת תרומה) לערנען מיר, אז רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע האט געהאט א רצון צו פארפאסן א חיבור וואס זאל באשטיין פון א פירוש אויפן הייליגען רמב"ן, צו ערקלערן אלע זיינע סודות'ליכע טיילן, דאס נענסטע צו פשט.

מיר טרעפן דארט ווי רבינו זי"ע שרייבט מיט זיין הייליג לשון:

השם יזכנו כאשר עם לבבנו, לחבר חיבור פירוש הסודות של הרמב"ן, כפי עניות קט דעתי, בפשט שבסוד על כל פנים, על דרך האמת, למען כבוד שמו ותורתו.

ווי באקאנט (תולדות רבינו פרק תשעה עשר - לשעה ולדורות אות רעד), האט רבינו זי"ע זיך אמאל איבערגערעדט און געזאגט: ווען די מענטשן פון זיין דור וואלטן איהם געלאזט במנוחה, וואלט זיין מוח געקענט באווייזן צו מחדש זיין און ארויסגעבן אזעלכע חידושי תורה פונקט ווי "מחברי גאוני תקיפי קדמאי". אבער צוליב זיינע פילע טרדות וואס ער האט געהאט פונעם דור, האט ער דאס ליידער נישט געקענט באווייזן.

נישט געקענט שלאפן פון גרויס צובראכנקייט, ווייל זיין צער איז אזוי גרויס געווען "ווי דער טאג וואס מען האט צובראכן די לוחות".

## "איך וועל מער נישט זאגען קיין תורה..."

די שמועס האט זיך ווייטער פארצויגען, און רבינו זי"ע האט אנגעהויבן דערציילן אז אזא ענדליכע פאסירונג איז אויך געשעהן ביי זיין זיידע'ן הגה"ק רבי יקותיאל שמעלקא מסאסוב זי"ע, אז עס איז איהם אמאל אויפן וועג פארטוישט געווארן דעם רענצל וואס האט געהאט דערינען די הייליגע תפילין וואס ער האט גע'ירש'נט פון זיין טאטע הגה"ק רבי ר' משה ליב מסאסוב זי"ע. רבינו זי"ע האט געשילדערט ווי גרויס עס איז געווען זיין צער איבער זיין אבידה, און ווי גרויס איז געווען זיין שמחה ווען עס איז געטראפן געווארן (זעה בית שלמה אות מט).

ווייטער האט רבינו זי"ע ממשיך געווען צו דערציילן, אז אויך צו זיין זיידע'ן דער הייליגער שם שלמה זי"ע, צו וועמען ער איז געווען אזוי נאנט מקושר, איז געשעהן ממש אזא זאך, אז עס איז פון איהם גע'גנב'ט געווארן די כתבי ידות פון זיינע הייליגע ספרים "שם שלמה", בעצם יום השבת! און ווען דער הייליגער שם שלמה זי"ע האט יענעם שבת ווי זיין שטייגער געוואלט לערנען אין זיין ספר "שם שלמה" על התורה, האט ער דאס נישט געטראפן, און דאס האט איהם פארשטערט דעם שבת מיט צער און עגמת נפש. דער הייליגער שם שלמה זי"ע האט זיך דאן אנגערופן צו זיין זוהן דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע: דעם שבת וועל איך נישט פארשטערן, איך וועל זאגען 'תורה' ווי געווענליך, אבער פון היינט און ווייטער וועל איך מער נישט זאגען קיין 'תורה', ווייל עס איז זיכער נישט קיין נחת רוח פאר באשעפער, און דעריבער איז דאס נעלם געווארן!

רבינו זי"ע האט ווייטער אויספירליך פארציילט ווי אזוי די כתבי ידות זענען שפעטער געפונען געווארן (מיר וועלן זיך אומקערן צו ברענגען די גאנצע ערציילונג, ביי א קומענדיגע געלעגענהייט ווען מיר וועלן שרייבן איבער די כתבי ידות פון "שם שלמה", וואס זענען לויט זיין הייליגע צוואה נישט געדרוקט געווארן). נאך דעם גאנצן שמועס האט רבינו זי"ע אויסגעפירט אויף זיך אליינס, מיט א זעלטענע עניוות:

- אויב וועט מען חס ושלום נישט טרעפן מיין ספר "חיים ושלום" על התורה, וועל איך שוין מער נישט זאגען 'תורה' ביי די שבת'דיגע טישן. אויסער די צוויי שבתים וישב און מקץ, חנוכה און אנדערע ימים טובים, וואס יענע תורות געהערן צו מיין ספר "שער יששכר". אבער תורות וואס געהערן צום ספר "חיים ושלום" וועל איך שוין מער נישט זאגען, ווייל ווען מיינע תורות וואלטן געווען א נחת רוח צו השם יתברך, וואלט ער זיכער נישט צוגעלאזט אז דאס זאל אנקומען צו די סטרא אחרא, אין די הענט פונעם שטן המשחית!

## "שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב"

ווי פארשטענדליך האט מען זיך דורכן טעלעפאון פארבינדן צו ווי מען האט נאר געקענט, אפשר דאך וועט מען טרעפן און באקומען עפעס א ריכטיגע ידיעה, אבער דערווייל זענען אלע אונטערנעמונגען געווען אומזינסט.

דינסטאג וישב, ווען די צער פון רבינו זי"ע האט שוין ממש דערגרייכט צום העכסטן שטאפל, ממש ביי כלות הנפש,

איז אנגעקומען א ידיעה דורך איינע פון די באן סטאנציאן באאמטע, אז עס איז געטראפן געווארן א רענצל ערגעץ ווי אויפן וועג פון מונקאטש קיין לאוואטשנע, און עס איז דא א גרויסע טשאנס אז דאס זענען די חפצים וואס זענען פארלוירן געווארן פונעם מונקאטשער רב. דאס האט אריינגעברענגט אין יעדן א פרישע האפענונג, אז די ישועה איז שוין דא.

אויפדערנאכט איז צו אלעמענס פרייד אנגעקומען א פרישע ידיעה, וואס האט באשטעטיגט אז דעם מונקאטשער רב'ס רענצל איז טאקע געפונען געווארן, לויט די סימנים וואס מען האט אנגעגעבן ווי אזוי דאס צו דערקענען, און אצינד איז דאס שוין אויפן וועג אהיים קיין מונקאטש. ווי נאר רבינו זי"ע האט באקומען די בשורה, האט דאס איהם ווידער אויפגעלעבט, און דאן האט ער זיך געזעצט צו א סעודה, ווארטנדיג דערביי אז די הייליגע חפצים זאלן אנקומען אין שטוב.

ווען די הייליגע כתב יד פונעם ספר "חיים ושלום" האט זיך באוויזן פאר זיינע אויגען, האט רבינו זי"ע אויסגעדרוקט און געגעבן א לויב צו השם יתברך פאר די גרויסע און אפענע חסדים, טוענדיג דאס ארויסברענגען מיט דברי תורה אויפן פסוק (בראשית לב, יא) קטנתי מכל החסדים ומכל האמת גו'.

## תורתך שעשועי

רבינו זי"ע האט זיך דאן משתעשע געווען מיט זיין ספר כתב יד קודש "חיים ושלום", וואס ער האט געהאלטן אין די האנט, און ער האט געזאגט: כאטש איך וואלט געהאט די מעגליכקייט און דעם כח זכרון נאכאמאל איבער צו שרייבן דעם ספר פון אנהויב ביזן סוף, און אפשר וואלט מיר דער אויבערשטער באשאנקן מיט נאך חידושים דערביי, אבער איך וואלט געדארפט האבן פאר דעם וויינגיסטענס צוויי יאר, און איבער אלעם וואלט מיין גרויס הארץ ווייטאג מיר נישט צוגעלאזט דאס צו פארענדיגען.

צווישן די נאנטע חסידים וועלכע זענען דאן אנוועזנד געווען, איז געווען דער חשוב'ער בחור הרב ר' יצחק אדלער ז"ל, א באליבטער תלמיד פון רבינו זי"ע (דער מחבר פונעם ספר "סדר שנה האחרונה"). רבינו זי"ע האט זיך געוואנדן צו אט דעם בחור און געזאגט: דער ספר "חיים ושלום" איז דאך שוין אנגעפילט אויף אלע ברעגען, און דאס באנד איז שוין אויך פאר'אלט'עוועט, עס וואלט גוט געווען איך זאל דאס דיר געבן דו זאלסט דאס פונדאסניי מעתיק זיין און איבערשרייבן, אבער איך בין חושש אויף דיין ביטול תורה.

[ווען רבי יצחק אדלער האט פארצייכנט די מעשה, האט ער



# די לעצטע תורה ביים טיש

אויך אין זיין לעצטע יאר לימי חייו, שנת תרצ"ז, ווען רבינו זי"ע איז שוין ליידער געווען ארומגענומען מיט שווערע יסורים מיט זיין לעצטע קרענק ר"ל, האט ער - כל עוד בו נשמתו - ווילאנג ער האט נאך געהאט כח, ממשיך געווען צו שרייבן חידושי תורה אין זיין ספר חיים ושלום.

אין ספר תולדות רבינו (פרק שמונה עשר - אשכבתיה דרבי אות רנא) ווערט פארצייכנט, אז אין די וואך פון פרשת צו, האט זיך די מחלה ביי רבינו זי"ע געשטארקט אויף א געפערליכן פארנעם. יענעם ליל שבת קודש, האט רבינו זי"ע שנעל געפראוועט דעם פרייטאג צו נאכטס טיש, און דאן איז געווען די לעצטע מאל וואס מען האט געהערט פון איהם זאגען תורה ביים שלחן הטהור.

אט די לעצטע תורה האט ער נאך אריינגעשריבן אין זיין ספר חיים ושלום פרשת צו ד"ה זאת תורת, ווי ער שטעלט זיך אויפן מדרש: שאלו תלמידיו את רבי יוסי בן קיסמא, אימתי בן דוד בא? די תלמידים פון רבי יוסי את קיסמא האבן איהם געפרעגט, ווען גייט משיח קומען?

צו דעם אויסגעפירט: איך האב ביי מיר אליין געטראכט, אז בלתי ספק וועט אזא באשעפטיגונג נישט זיין ח"ו אין כלל פון ביטול תורה, אבער וויבאלד דער רבי האט מיר נישט געפרעגט מיין מיינונג, נאר ער האט פון זיך אליינס געזאגט זיין טעם, האב איך מורא געהאט צו עפענען מיין מויל צוזאגען עפעס.

אגב, דאבנדיג דעם גילוי דעת פון הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, אז הר"ר יצחק אדלער איז גוט איבערצוגעבן מעתיק זיין דעם חיבור "חיים ושלום", האט מען טאקע מיט געצווייטע יאר שפעטער אנפארטרויעט אט דעם תלמיד מיט מעתיק זיין דעם הייליגען חיבור "הגהות הירושלמי" פון רבינו זי"ע, ווי מיר וועלן בעה"י ערווענען אויספירליך ביים מאמר אויפן "הגהות הירושלמי".]

אצינד, ווען רבינו זי"ע איז שוין געווען גוט אויפגעלייגט, פרייענדיג זיך אז די אבידה איז געטראפן געווארן, האט ער אנגעהויבן שמועסן איבער א וואונדערליכן ענין וואס ער האט געהאט דעם פארלאפענעם פרשת ויצא, ווילנדיג אינעם שטאט אבאציא.

רבינו זי"ע האט פארציילט, אז ביי קריאת התורה שבת אינדערפרי, האט ער ווי זיין שטייגער עולה געווען 'ששי'. אבער אזוי ווי עס זענען געקומען אויף שבת אנשים מכובדים וואילע און ערליכע אידן פון די שטאט פיאומע, און ער האט זיי געוואלט מכבד זיין מיט עליות, האט ער - זייענדיג אויך דער בעל קורא - געמוזט פארקירצערן ביי זיין עליה צו ענדיגען פריער ווי אנגעצייכנט אין חומש. עס איז אויסגעקומען אז רבינו זי"ע, דער בעל קורא, האט זיין אייגענע עליה פון 'ששי' אויסגעפירט מיטן פסוק (בראשית לא, לט-מ) "...גְּנֻבְתִי יוֹם וּגְנֻבְתִי לָיְלָה... וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי"!

עס איז באקאנט, האט רבינו זי"ע ווייטער ממשיך געווען זיין שמועס, אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע און זיין זוהן דער הייליגער דברי יחזקאל זי"ע האבן זיך געפירט, אז ביים לייענען האבן זיי געענדיגט אן 'עליה', אפילו ביי פסוקים וואס רעדן פון שטראף, פאר גוים. נאר אויף דעם האבן זיי מדקדק געווען, נישט צו ענדיגען ביי פסוקים וואס רעדן פון שטראף פאר אידן. און עס איז באקאנט, אז אמאל האט דער הייליגער דברי חיים געענדיגט די 'עליה' פאר א גרויסן סוחר, ביים פסוק (בראשית מ, ד) "וַיִּהְיוּ יָמִים בְּמִשְׁמָר", און נאך יענע יאר איז דעם סוחר אונטערגעקומען א געריכט ווי ער איז פאראורטיילט געווארן צו א גאנצע יאר תפיסה!

ווידער ביי זיין זיידע דער הייליגער בני יששכר זי"ע און זיינע קינדער נאך איהם, האבן יא אייביג מדקדק געווען נאר צו פארענדיגען אן 'עליה' ביי א פסוק וואס רעדט פון גוטע זאכן, און רבינו זי"ע זעלבסט איז שטענדיג געווען געווארענט אין דעם. נאר יעצט צוליב דעם וואס ער האט געדארפט האבן נאך עליות, האט ער געמאכט אן אויסנאם, און האט זיין עליה אויסגעפירט ביי א פסוק ווי ער וואלט געוועהנליך קיינמאל זיך נישט אפגעשטעלט - "...גְּנֻבְתִי יוֹם וּגְנֻבְתִי לָיְלָה... וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי"!

"אבער צו מיין גרויס ווייטאג - האט רבינו זי"ע אויסגעפירט - איז ביי מיר איינפאך פארווירקליכט געווארן דעם פסוק

"גְּנֻבְתִי יוֹם וּגְנֻבְתִי לָיְלָה", אז עס איז אוועקגענומען געווארן פון מיר מיינע טייערע כתבי יד, און דאס האט מיר גורם געווען גרויס צער, אז עס איז ביי מיר ממש מקויים געווארן די ווערטער "וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי", ביז דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן און די אבידה איז אומגעקערט געווארן.

## סימנא מילתא

אין ספר תולדות רבינו (פרק שבעה עשר - אמונה טהורה אות קפט), ווען דער מחבר הרב החסיד רבי דוד כהנא (געלב) ז"ל שו"ב, דערמאנט אין קורצן דעם גאנצן געשעהניש, פירט ער אויס: אז דאס אז עס איז אזוי גרויס געווען די צער און דאגה פון רבינו זי"ע, איז ווארשיינליך צוליב וואס ער חושש געווען אז דאס ווייזט אויף א נישט גוטער סימן. און אפשר, איז דאס באמת געווען א רמז פון הימל, אז א לעבעדיגע ספר תורה וועט פון אונז פארלוירן גיין, און וועט גענומען ווערן צו די ישיבה של מעלה!

דערויף טוט דער אויבנדערמאנטער תלמיד חביב און חסיד רבי יצחק אדלער ז"ל אנמערקן אין זיין ספר "סדר שנה האחרונה" (ווי דארט האט ער פארצייכנט אט דעם גאנצן סיפור, אין פרק שביעי - חודש כסלו, פון אות קכד און ווייטער), אז אט די מעשה האט זיך אפגעשפילט גענוי א יאר איידער רבינו זי"ע איז קראנק געווארן מיט זיין לעצטע קראנקהייט, ווייל ממש אט דעם שבת א יאר שפעטער, שבת קודש פרשת וישלח תרצ"ז, איז ער קראנק געווארן מיט די שרעקליכע מחלה וואס האט געפירט צו זיין הסתלקות לחיי עולם הבא!

**אצינד, ווען מיר ווייסן שוין די גרויסע חשיבות וואס דער ספר "חיים ושלום" האט געטראגן ביים רבינו המחבר זי"ע, וועלן מיר זיך אביסל צוריקקערן צום אנהויב, זיך צו לערנען די סדר החיבור, די תוכן, די סגנון, און נאך אנדערע אינטערעסאנטע און וויכטיגע איינצלהייטן איבער דעם הייליגען ספר "חיים ושלום".**

## "לשם יחוד..."

ווי נאר רבינו זי"ע האט באשטימט א פנקס פאר זיין חיבור על התורה, האט ער קודם אויפן ערשטן בלעטל געשריבן א נוסח השער מיט די ווערטער:

**בעזרת השם יתברך. זה השער לה' צדיקים יבאו בו. ספר חיים ושלום על התורה. אשר חנני ה' בזכות אבותי הקדושים, אראלים ותרשישים, הן אני שפל אנשים, חדל אישים. חיים אלעזר שפירא.**

אויפן קומענדיגען בלעטל האט רבינו זי"ע געשריבן אן הקדמה אונטערן קעפל "דברים אחדים" – איינצלנע ווערטער - אנהויבנדיג מיטן לשון "לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, ארשום בזה חידושי תורה על סדר פרשיות התורה".

## ויקרא בהם שמי

איבערן נאמען פונעם ספר, שרייבט רבינו זי"ע אינעם דברים אחדים: וקראתיו בשם חיי"ם ושלו"ם, להקרא בהם שמי, חיי"ם. וגם שלו"ם עולה כמספר שמי חיי"ם אלעז"ר. ווי רבינו זי"ע טוט דא אליינס צו צייכענען, האט ער שוין פון

## לא אמרו רבנן בכפילא

אויף דעם זעלבן שטייגער וואס רבינו זי"ע האט געטוהן אין זיין הקדמה צום שו"ת מנחת אלעזר חלק ד, אז ער האט דארט אריינגעשטעלט דברי אגדה פון זיין ספר חיים ושלום (זעה אינעווייניג אינעם מאמר - "מסדר זיין דעם ספר"), האט ער אויך געטוהן אין זיינע הקדמות צו די ווייטערדיגע צוויי חלקים, די פינפטע און זעקסטע טייל פון שו"ת מנחת אלעזר.

דאס האט געברענגט, אז די אלע תורות וואס רבינו זי"ע האט אריינגעשטעלט אין די פריערדערמאנטע הקדמות, האט ער אויסגעשטראכן פון זיין חיבור חיים ושלום, ער האט זיך בלויז באגענוגענט אז אויפן פלאץ האט ער דארט צוגעצייכנט ווי מען קען טרעפן די תורה אין איינע פון די הקדמות. און ווי רבינו זי"ע ערוועהנט דאס ביים עפענונג פונעם ספר חיים ושלום:

הדברים אשר נכתבו ונדפסו כבר במאמרי תורת שבת על סדר פרשיות התורה, וכן בהקדמותיי (תרעא זעירא) לשו"ת מנחת אלעזר בכל החלקים, וגם בשארי חיבורינו בעזרת השם יתברך, ובהגהותי לספר תפארת בנים לאאמו"ר הקדוש זי"ע, כל אלו וכהנה, לא הוכפלו כאן, ולא אמרו רבנן בכפילא, רק אומ"ר הבא מן החדש בעזרתו יתברך שמו.

פריער געדרוקט אן אנדערער חיבור מיטן נאמען "אות חיים ושלום" אויף הלכות תפילין און הלכות מילה, וואס אינעם הקדמה דארטן שרייבט ער אז דער נאמען "חיים ושלום" איז באשטימט געווארן "על פי דעתו ודבריו של אאמו"ר הגאון הקדוש זצללה"ה זי"ע". נאר ער האט אליינס צוגעלייגט צום נאמען דעם ווארט "אות", צוליב דעם וואס די צוויי מצוות תפילין און מילה זענען ביידע אן אות פאר אידישע קינדער צום הייליגן באשעפער. און אזוי איז דאס ספר אינעווייניג צוטיילט אלס צוויי באזונדערע ספרים: "אות חיים" אויף הלכות תפילין און "אות שלום" אויף הלכות מילה, און אינאיינעם טראגט דאס דעם נאמען "אות חיים ושלום".

אבער אין צוגאב צו דעם טעם, אז זיין הייליגען נאמען איז מרומז אין די ווערטער "חיים ושלום", איז רבינו זי"ע ווייטער מרמז אין דעם נאמען קבלה ענינים, פארוואס דאס איז צוגעפאסט פאר חידושים - וואס זענען תורה שבעל פה, געווידמעט אויף פרשיות התורה -וואס איז תורה שבכתב. דאס ברענגט רבינו זי"ע צו א פרישע רמז אינעם נאמען פון זיין ספר וואס איז אויף תורת משה, ווייל די אותיות מש"ה אריסגעשריבן ('במילואו') – מ"ם שי"ן ה"ה, באטרעפט פונקטליך אזויפיל ווי "חיים ושלום".

"יעזרנו השם יתברך לכוין בתורת מש"ה למה שהראו למש"ה רבינו בסיני מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש".

## דאס שרייבן דעם ספר

אט דעם ספר "חיים ושלום" על התורה, האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אנגעהויבן שרייבן, פון די תורות וואס ער האט געזאגט נאכן הסתלקות פון זיין גרויסן טאטע'ן דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע, דערנאך וואס ער איז באקרוינט געווארן מיטן כתר מלכות פון זיינע הייליגע אבות מדור דור זי"ע.

אין ספר תולדות רבינו (פרק שמיני - ראש בית דין אות עה) ווערט פארציילט, אז ביים לעבן פון זיין הייליגען טאטע'ן רבינו בעל דרכי תשובה זי"ע, איז רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע געווען אויף א גאר איינגעהאלטענער פארנעם, מיט א פולן התבטלות און הכנעה צו זיין גרויסן טאטע'ן. אויך בשעת עס זענען אנוועזנד געווען ביי רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע מענטשן וואס האבן מיטגעהאלטן זיין פריוואטע סעודה ליל שבת קודש, און ער האט געזאגט דברי תורה, האט ער בלויז געזאגט א קורצע דבר תורה מיט א פשוט'ן קול, ווי א מענטש רעדט צו א חבר.

זיין גרויסע עבודה פון זאגען תורות, דברי אלקים חיים ממש, מיט א באזונדער התלהבות און התעוררות, האט זיך ערשט אנגעהויבן ווי נאר ער האט זיך באזעצט על כסא אבותיו, גלייך נאך די הסתלקות פונעם הייליגען דרכי תשובה זי"ע. אויף אזוי ווייט, אז אפילו נאנטע חסידים זענען ערשטוינט געווארן פלוצלינג צו הערן דאס תורה-זאגען פונעם הייליגען מנחת אלעזר זי"ע אויף אזא הויכן פארנעם (זעה תולדות רבינו פרק תשיעי - מרועה אל רועה אות פו)

פון אט די געהויבענע פארכטיגע תורות וואס רבינו זי"ע האט געזאגט ביי זיינע הייליגע טישן, יעדן שבת קודש, ווערטער וואס האבן איבערגענומען אלע צוהערער און ערוועקט זייערע הערצער צו אהבת ד' און אמונה טהורה, האט ער פארשריבן אין זיין ספר "חיים ושלום".

די שטייגער פון רבינו זי"ע איז געווען ביי רוב פון זיינע חיבורים, איבערהויפט ביים דעם ספר "חיים ושלום", אז ער האט פארצייכנט אויפן פאפיר נאר די תמצית - די הויפט פונקטן - פון זיינע הייליגע ווערטער. זיין נאנטער חשוב'ער תלמיד הרב ר' יצחק אדלער ז"ל טוט זיך אויסדרוקן (סדר שנה האחרונה פרק ששי - חודש מרחשון אות קטז), אז דער וואס לערנט אינעם ספר, און ער האט אט די זעלבע ווערטער זוכה געווען צו הערן פון זיין הייליג מויל ווי דאס איז געזאגט געווארן מיט א פלאם פייער מיט אן אריכות, מיט א שטארקן קול און גרויס התעוררות, טוט זיך וואונדערן ווי אזוי רבינו זי"ע האט געקענט דאס אלעס מצמצם זיין און אריינלייגען אינעם ספר אין בלויז עטליכע געציילטע ווערטער.

איבער די הויכקייט פון זיינע הייליגע תורות, דערציילט אויך הרב ר' יצחק אדלער ז"ל (סדר שנה האחרונה פרק שביעי - חודש כסלו הערה סא), אז אמאל, שבת קודש פרשת ויגש שנת תרצ"ו, איז געווען א יונגערמאן א תלמיד חכם וואס איז געקומען צו פארן פון ראמעניע, און ביים טיש שבת בייטאג האט רבינו זי"ע געזאגט 'תורה' אויף א 'מסורה' פון פסוקים וואס זענען פארבינדן מיט א פסוק אין די פרשה (מז, כג) "הֵא לָכֶם זֶרַע" [די תורה איז געדרוקט אין ספר חיים ושלום על התורה (פרשת ויגש ד"ה הא לכם)].

דער יונגערמאן האט נאכנישט געהאט קיין קינדער ר"ל, און נאך די תורה האט רבינו זי"ע איהם געפרעגט "האסט פארשטאנען די תורה"? און ער האט געענטפערט "אפשר העלפט". האט רבינו זי"ע איהם געזאגט: דאס גאנצע זיכער נישט! ווייל די צווייטע העלפט האב איך נישט מגלה געווען אפילו פאר מלאכים און שרפים, נאר פאר השם יתברך כביכול אליינס!

## מסדר זיין דעם ספר

אין יאר תר"צ, ווען רבינו זי"ע האט געדרוקט זיין פערטע חלק פון שו"ת מנחת אלעזר, האט ער שוין דערמאנט אין זיין הקדמה אז ער איז אציגנד עוסק אין מסדר זיין צום דרוק, די כתבים פון זיין חיבור "חיים ושלום" על התורה. רבינו זי"ע ברענגט דארט אין זיין הקדמה דברי אגדה אויף פרשת בראשית, וואס ווי ער שרייבט האט ער דאס ארויסגענומען פון ספר חיים ושלום פרשת בראשית, זייענדיג עוסק דעמאלטס אין מסדר זיין די חידושי תורה פון פרשת בראשית

אבער למעשה, צוליב זיינע גרויסע טרדות במילי דשמיא ובמילי דמתא, איז רבינו זי"ע נישט אנגעקומען צו ענדיגען מסדר זיין דעם ספר, ער זאל דאס קענען אליינס דרוקן. און ביי זיין הסתלקות לחיי עולם הבא, האט זיך דער ספר "חיים ושלום" געציילט צווישן די חיבורים וואס זענען נאך פארבליבן אין זיין אייגענע האנטשריפט.

אין זיין הייליגע צוואה (סעיף כ), ווען רבינו זי"ע לייגט פאר זיין בקשה איבער דרוקן זיינע גרויסע ספרים דערמאנט ער באזונדער זיין חיבור חיים ושלום על התורה, אז מען זאל דאס דרוקן ווי פריער דערביי לייגט צו רבינו זי"ע דעם אנווייזונג, אז מען ברויך דאס ערשט צוזאמשטעלן לויט א סדר, וויל ביים סוף פונעם העפט האט ער נאך געשריבן אויף פריערדיגע פרשיות נישט אויפן סדר, און ער האט אנגעצייכנט פון אויבן "לפרשת...", מען דארף דאס אלעס אריינשטעלן ביי זיין פרשה אויפן סדר פון די פסוקים.

## דרוקן דעם ספר

אדאנק די אינטערוועניע פון די רביצין, הרבנית הצדקת רחל פערל הי"ד בת הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא זי"ע, מחברתו הטהורה פון רבינו זי"ע, האט מען זוכה געווען "שלא תשתכח תורת חיים ושלום מישראל". די רביצין זצ"ל האט מיט מסירת נפש גענומען אויף זיך דעם גרויסן עול, צו דעקן די הוצאות פון דעם ספר. און אויף איר פארלאנג האט מען זוכה געווען אז דער הייליגער ספר "חיים ושלום" איז ערשינען לאור עולם נאך אינעם ערשטן יאר פון די הסתלקות.

די ספר איז דאן ערשינען אין צוויי באזונדערע בענדער. די ערשטע באנד, וואס האט אנטהאלטן די תורות אויף סדר בראשית און סדר שמות, איז געדרוקט געווארן צו די ערשטע יומא דהילולא פון רבינו זי"ע, ב' סיון שנת תרצ"ח.

אינעם פארווארט צום יענעם ערשטן באנד, איז געווען געמאלדן, אז די צווייטע באנד איז שוין אציינד אויך אין דרוק, און אז דאס וועט ערשיינען אין נאך עטליכע וואכן. אבער אין ווירקליכקייט איז די צווייטע באנד ערשט ערשינען מיט צוויי יאר שפעטער, אין יאר ת"ש. די צווייטע באנד האט אנטהאלטן די תורות אויף סדר ויקרא, סדר במדבר און סדר דברים.


ב"ה
ספר
חיים ושלום
חלק ראשון
על
בראשית שמות
מאת גאון עוזנו רוח אפינו משיח ה' שר התורה קודש הקדשים רבשכבה"ג אור עולם ארמו"ר מרן
מוהר"ר חיים אלעזר שפירא זצללה"ה זי"ע
ראב"ד ור"מ דק"ק מונקאטש והגלילות יע"א
בעל המחבר ס' שו"ת מנחת אלעזר, אות חיים ושלום, נימוקי אורח חיים, דברי תורה, עולת תמיד, חמשה מאמרות, דרכי תשובה (על מקואות), ושער יששכר, ועוד חיבורים בכתי"ק (יזכנו השי"ת להוציאם כולם לאורה, כרצון רבינו המחבר בצוואתו הטהורה).
שנת ברצו"ת לפ"ק
דפוס א. קויפמאן ובנו
סיגעט - באראמוראש
— (רומעניען) —
TIP. A. KAUFMAN ŞI FIUL, SIGHET (Roumanie)
PRINTED IN ROUMANIA. CENZURAT.

אין אלע שפעטערע דרוקן פונעם ספר, איז דער ספר געדרוקט געווארן אלס איין גרויסע באנד.

## "כולו אמונה צרופה"

פון דאן ביזן היינטיגען טאג, ועד ביאת הגואל, ליגט דער ספר "חיים ושלום" אויפן טיש פון יעדן מונקאטשער חסיד, וועלכער וויל זיך מתדבק זיין במשנתו ובדרכו הטהורה פון הייליגען רב, דער מנחת אלעזר זי"ע, צו לעבן מיט אמונה פשוטה אין השי"ת און זיין תורה, און איבער אלעם מען זאל בלייבן מיט די ריינע און פעסטע אמונה בביאת המשיח.

**אט איז וואס רבינו שליט"א שרייבט אינעם מכתב קודש צום ספר: "ספר הקדוש הזה כולו אמונה צרופה, וכולו אומר כבוד שמים, בבחינת (מכות כד, א) בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר (חבקוק ב, ד) וצדיק באמונתו יחיה". און אז דורכ'ן פארשפרייטן דעם הייליגען קוואל, וועלן מיר זוכה זיין אז "תשרה השכינה הקדושה בלב כל ישראל, ותעורר בעולם האמונה הטהורה אשר בזכותה נושע לנצחים כמו שאמרו חז"ל (תנחומא בשלח) אין הגליות עתידות להגאל אלא בשכר אמונה, ונזכה לראות בגאולתו של ישראל בביאת משיח צדקנו בקרוב בימינו". אמן, כן יהי רצון.**



# סעודות הילולא
# ב׳ סיון
# במשך די יארן



רבינו שליט״א ווערט אנטפאנגען צום סעודת הילולא ב׳ סיון תש״כ. ווערט געזעהן: הרה״ח ר׳ חיים בער ז״ל משב״ק (לינקס), מוה״ר ירוחם שמחה פרידמאן ע״ה (פארנט אין צענטער), הרה״ח מרדכי גליקמאן ע״ה (רעכטס). די יונגלעך אונטער רבינו שליט״א זענען: הר״ר דוד שטרויבל ז״ל און להבחל״ח הר״ר יהושע שמואל וויינבערגער הי״ו











תשס״א


ווערט געזעהן הגאוה"צ זצ"ל: סערדאהעל, אוהעל, קעזמארק, קארלסבורג, יאקע, זידיטשוב, הגר"מ שפילמאן, הגר"י שעכטער. ויבלחט"א כ"ק אדמו"ר מדינוב ואב"ד פאלטישען


ווערט געזעהן הגאוה"צ זצ"ל: ווערעצקי, קארלסבורג, דעברעצין




ווערט געזעהן הגאוה"צ זצ"ל: זידיטשוב, שאפראן-סידני, סערדאהעל, אוהעל, ראב"ד וויען, יאקע, סטריזוב, זידיטשוב, הגר"מ שפילמאן, הגר"י שעכטער. ויבלחט"א כ"ק אדמו"ר מדינוב


תשפ"ג




תשפ"ג


תשפ"ג

# להתאסף

## כולנו יחד כאיש אחד בלב אחד

# להתחזק

## בדרכיו הקדושים ולשנן את משנתו

# להתבשם

## מנועם זיו השבת בצלא קדישא

אש"ל מלא מסודר ומוכן
לכל אחד ואחד לפי כבודו:
347.962.8172

ובאו כולם בברית יחד!

CONG MINCHAS ELUZER MUNKATCH
4706 14TH AVE.
BROOKLYN NY 11219